בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **תצוה - כי תשא** תשפ"ד ◆ עלון מס': **133**

## דברים שבלב
אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## א בריוו פון וויען קיין ירושלים

צווישן די גדולי ירושלים וואס האבן דא געלעבט מיט הונדערט און זעכציג יאר צוריק איז געווען דער גאון וצדיק רבי יוסף זונדל סאלאנט זצ"ל, דער שווער פון דער שפעטערדיגער ירושלים'ער רב, רבי שמואל סאלאנט זצ"ל.

גרויסע זאכן האט מען געזאגט אויף רבי יוסף זונדל, ער איז געווען א איד א צדיק, אבער ועל כולם האט ער זיך אויסגעצייכענט אין די מידה פון בטחון.

אין ספר אור ישראל איז רבי נפתלי אמסטערדאמער זצ"ל מעיד אויף אים אז ער האט זיך אזוי געפלאגט אויף די מידה פון בטחון אז ער האט זוכה געווען צו גרויסע השגות אין די מידה פון בטחון, אז ער האט אפילו געזען ניסים למעלה מדרך הטבע אין זכות פון זיין בטחון.

צווישן זיינע קינדער האט רבי יוסף זונדל געהאט א טאכטער וואס איז געווען זייער קראנק. אין די אמאליגע ירושלים איז די דאקטעריי געווען זייער שוואך און רבי יוסף זונדל נישט האבנדיג פאר איר קיין רפואה, האט ער איר געשיקט קיין וויען אין באגלייטונג פון איר ברודער ר' אהרן לייב ז"ל.

דא, ווען עס איז געקומען צו מאכן השתדלות, האט ער זיך נישט פארלאזט אויף קיין ניסים, וויסנדיג אז דאס איז דער רצון ה' אז ער זאל מאכן פאר איר די נויטיגע השתדלות וואס עס פעלט זיך אויס, האט ער איר ארויסגעשיקט זיך היילן קיין וויען.

פון די יעניגע נסיעה איז איבערגעבליבן עטליכע בריוון וואס דער טאטע שרייבט פאר'ן זון קיין וויען.

די בריוון זענען מלא וגדוש מיט חיזוק אין אמונה און בטחון, און מיר ציטירן דא פון זיי א שטיקל איבערגעזעצט אויף אידיש:

"צו מיין טייער קינד", הייבט דער טאטע אן זיינע ווערטער.

"דו ביסט דאך אויף א רייזע און ביי א רייזע טרעפט זיך אסאך מאל אז מען דארף ווארטן אדער זאכן בלייבן שטעקן, ווי ווארטנדיג אויף א שיף, אדער אויף אנדערע זאכן. עס זאל זיין קלאר ביי דיר, אז יעדער אפהאלט וואס דו האסט איז לטובה, אז אלעס האט הקב"ה געמאכט עקסטער אזוי.

די זאך איז פון די זאכן וואס דארפן חיזוק, און ווי די גמרא זאגט אין ברכות אמר ר' חנא בר חנינא, ארבעה צריכים חיזוק, תורה ומעשים טובים, ותפילה ודרך ארץ און דאס איז אין כלל פון דרך ארץ.

דער ווילנער גאון איז מפרש וואס מיר זאגן יעדן טאג 'רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום' אז ווען א מענטש דארף אויספירן עפעס ווירבעלט זיך ביי אים אין קאפ אסאך געדאנקען, דער מענטש טראכט און וועגט אפ יעדע זאך וויאזוי ער זאל עס טון, אבער ער ווייסט נישט אז דער סוף וועט זיין אז "עצת ה' היא תקום" אז נאר די עצה וואס הקב"ה געבט אריין אין אים וועט בלייבן.

עס זאל זיין קלאר ביי דיר אז אלעס וואס דו גייסט אריבער איז אנגעשריבן פאר דיר פון הימל, אז יעדער ארט וואו דו ביסט, יעדער צייט וואס עס געדויערט דיר, מיט וועלכע מענטשן דו זאלסט זיך באגעגענען, וואו דו זאלסט זיך אויפהאלטן און וויאזוי, אלעס איז מיט א פונקטליכער חשבון פון הימל, גארנישט איז נישט סתם אזוי.

מיין קינד, זיי זיך נישט מצטער מיט דעם אז דו ביסט אין גלות מיט דיין שוועסטער, פונדערווייטענס, פארקערט, זיי פרייליך אז דו האסט געקענט מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים, פון גמילות חסדים און די מצוה וועט ווערן גערעכענט פאר דיר ווי דו האסט עוסק געווען בתורה יומם ולילה.

ווארף ארויף דיין פעקל אויף הקב"ה, קארג נישט אויף די קאסטן, ווייל אלעס קומט פון הימל.

און דא שרייבט ר' זונדל א מורא'דיגע שטארקע שורה וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם פון אונז: און דאס איז סגולה פון בטחון, דער וואס האט בטחון בלב שלם אין הקב"ה איז זוכה אז הקב"ה מאכט זיין ווילן און איז מספק זיינע צרכים איבעראל און אין יעדע צייט, אפילו אויב ער איז נישט קיין צדיק.

"איך האב דיר געשיקט די המלצות וואס דו האסט געבעטן", איז ער ממשיך אין זיין בריוו.

"אבער פארלאז זיך נישט אויף זיי, עס איז גוט אויף אזויפיל אז דער נס וואס גייט דיר קומען זאל נישט זיין בגלוי נאר פארשלייערט אין א דרך הטבע, אבער באמת קומט די ישועה פון הימל און פארלאז זיך נאר אויפ'ן באשעפער און ווי מען זאגט ואל בינתך אל תישען.

געדענק! אפילו ווען דו מאכסט השתדלות מאך נישט צופיל, זיי נישט מגזים, דו קענסט נאך דורך דעם נכשל ווערן אין א מחשבה פון כוחי ועוצם ידי, אז אפשר האט דיינע פעולות עפעס אויפגעטון, דער באשעפער האט זיך שוין זיינע שלוחים.

די פסוקים פון בטחון זאלן שטענדיג זיין שגור אויף דיין צונג.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן און גלייבן אין איר און זוכה זיין צו זען חסדים מגולים פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

**[ארויסגענומען פון שיעור 137 אין שער הבטחון]**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אן איינפאכע מעשה - א שטארקע דערהער

עס דערציילט מיר א איד פון די שטאט בית שמש די פאלגענדע מעשה:

נאך א לאנגער צייט וואס מיר האבן געווארט אויף א געוויסע ישועה האבן מיר באשלאסן אז מיר גיין זיך ארויסלאזן אויף א רייזע קיין ליזענסק, מתפלל צו זיין ביים ציון פון דעם הייליגן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

דער שבת וואס מיר האבן אויסגעוועלט פאר די רייזע איז געווען שבת פרשת בשלח.

עס איז געווען שבת ביינאכט ווען פלוצלונג האט אנגעכאפט פאר מיין פרוי שרעקעדיגע רוקן ווייטאג, עס איז געווען אן אומדערטרעגליכע ווייטאג, אז מיר האבן נישט געוואוסט וואס מיר קענען טון דא.

אין ליזענסק איז נישט דא קיין דאקטוירים, קיין מעדיצין, מיר זענען געווען הילפלאז.

נאך א שווערע שבת זענען מיר זונטאג ארויף צום הייליגן ציון און זיך געשטעלט דארט מתפלל זיין פאר הקב"ה. איך בין געווען אין די מענער זייט און מיין ווייב אין די פרויען זייט. מיר האבן זיך געשטעלט דאווענען, און פלוצלונג! אומגלויבליך, אין די ציון שפאצירט אריין א פרוי, א דאקטאר'קע פון די שטאט ביתר.

מיין ווייב מיט די דאקטאר'קע זענען באקאנט. מיין ווייב איז צוגעגאנגען צו איר און איר געפרעגט צי זי קען איר העלפן.

"הארצן גערן, זיכער אזוי".

זיי זענען ארויס אינדרויסן און זי האט זיך געגרייט איר צוגעבן א געוויסע באהאנדלונג, אבער אין יענע מינוט זענען געקומען צולויפן די משפחה מיטגלידער פון די דאקטאר'קע און געזאגט פאר די דאקטאר'קע אז מען מוז שוין ארויספארן פון דא, ווייל אז נישט וועט מען מעגליך שפעטיגן די פליגער.

די דאקטאר'קע האט מער נישט געקענט בלייבן, זי מוז לויפן.

מיר זענען געבליבן שטיין געפלעפט. פון איין זייט האט הקב"ה אונז געוויזן אז ער הערט אונזער תפילה, אז אויב עס פעלט זיך אויס וועט ער אונז אונטערשיקן א דאקטאר ביז אהער קיין ליזענסק און מיר זענען געווען זיכער אז ער איז די ריכטיגע שליח, אין די ריכטיגע מינוט, אבער ווען ער איז שוין דא געווען, האט ער אונז נישט געקענט העלפן.

וואס גייט דא פאר? ביז מיר האבן פארשטאנען וואס הקב"ה וויל אונז אויסלערנען.

מיר זענען געקומען קיין ליזענסק ווייל מיר ווארטן אויף א ישועה. עס האט אונז אויסגעזען אז די ישועה איז ווייט פון אונז, אז עס איז אן אוממעגליכע זאך, אבער הקב"ה האט אונז געוויזן אז יא, ער איז יא מעגליך, אז אפילו ביז ליזענסק קען ער אונז שיקן א דאקטאר.

איי פארוואס קומט נישט די ישועה? ווייל עס איז נישט פאר אונזער טובה אז די ישועה זאל קומען צוגיין.

איר זאלט זען אז דער רבוש"ע איז א כל יכול, ביז צו די ליזענסקער דאָרף קען ער שיקן דאקטוירים, אבער אויב עס איז נישט גוט פאר ענק א רפואה, וועט ער ענק נישט אויסהיילן.

מיר האבן געלערנט א לעקציע.

די מעשה איז א פשוט'ע מעשה, עס ענדיגט זיך נישט דראמאטיש, אבער עס ענדיגט זיך יא מיט א שטארקע אנערקענונג וואס א איד האט געהאט אויך אין אזא שווערע מינוט.

גוט שבת
**פינחס שפר**

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו
השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער מנהל זאגט יא!

עס רעדט דא יעקב יאנקעלעוויטש. [נאמען געטוישט].
איך וואוין אין א געוויסע שטאט און איך האב ברוך השם דריי לעכטיגע קינדער. ווען זיי זענען אונטערגעוואקסן האב איך זיי אריינגעשיקט אין די לאקאלע תלמוד תורה גלייבנדיג אז די תלמוד תורה איז גוט צוגעפאסט פאר מיינע קינדער.

א שטיק צייט איז אריבער און איך האב אנגעהויבן הערן פון מיינע קינדער איבער די תלמוד תורה און עס האט מיר זייער נישט געפָאלן. פון טאג צו טאג איז די געפיל אז איך דארף אריבערלייגן די קינדער אין אנדערן תלמוד תורה געווארן שטערקער און שטערקער.

איך האב זיך נאכגעפרעגט אויף אנדערע תלמוד תורה'ס, מען האט מיר ממליץ געווען אויף איין געוויסער תלמוד תורה, אבער מיט וועמען איך האב גערעדט האט מיר געזאגט אז עס איז טאקע אן אויסגעצייכענטער תלמוד תורה, אבער עס איז איבערגעפולט און די שאנסען אז מען זאל אננעמען מיינע קינדער איז זייער שוואך.

הערנדיג דאס האב איך באשלאסן אז אנשטאט אז איך זאל ארומגיין און פראטעקציאנירן דא און דארט וועל איך טון וואס א איד האט צו טון, איך וועל זיך ווענדן צום טאטן אין הימל און מתפלל זיין ביי אים. בנוסף זייענדיג נאנט צו איינער פון די צדיקי הדור פון די פריערדיגע דור, בין איך אריבער צו זיין ציון און דארטן מתפלל געווען להצלחת הענין.

ווען איך האב געענדיגט די תפילות האב איך אויפגעהויבן א טעלעפאן צו יענער מוסד, איך האב געבעטן אז איך וויל רעדן צו דער מנהל. מען האט מיר אריבערגעפירט און נאכ'ן זיך פארשטעלן אז דא רעדט יעקב יאנקעלעוויטש האב איך אים געזאגט אז איך האב געהערט זייער גוטע גריסן איבער די תלמוד תורה און איך וויל דא אריינשיקן מיינע קינדער.

"הארצן גערן, קענסט שוין אריבערקומען אהער און איינשרייבן דיינע קינדער".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן. עס האט אויסגעזען צי גוט עס זאל קענען זיין אמת, אבער נאך איידער ער האט געקענט צוריקציען בין איך אריבערגעקומען אין חדר און איינגעשריבן אין איר מיינע קינדער.

"דער קינד וועט גיין צו דעם רבי'ן, דער צו דעם רבי'ן", און אזוי האט דער מנהל אויסגערעכנט איינער נאך די אנדערע ווען כ'שטיי אין די זייט און כ'גלייב נישט וואס מיינע אויערן הערן.

מעומק הלב האב איך געדאנקט הקב"ה פאר די אויסטערלישע חסדים, און אין דעם קומענדיגן אנהייב וואך זענען מיינע קינדער אריין אין דעם מוסד.

א וואך דערויף איז קלאר געווארן דאס בילד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין די זעלבע צייט ווען איך האב אנגעקלינגען האט א צווייטער איד מיט די זעלבע נאמען ווי מיר אריינגעקלינגען אין דער מוסד זאגנדיג אז ער וויל דא אריינשיקן די קינדער.

דער מנהל האט אים געזאגט אז עס איז אוממעגליך, דער מוסד איז איבערגעפולט, אבער דער איד האט דערציילט אז ער קומט אהער אויפ'ן באפעל פון דעם און דעם נגיד.

דער נגיד האט טאקע אנגערופן יענעם טאג אין די תלמוד תורה און זייענדיג איינער פון די גרויסע שטיצער האט מען אנגענומען אלע זיינע קינדער, אבער דא איז געשען א טעות, ווען איך האב אריינגעקלינגען און געזאגט אז איך וויל אריינשיקן דא מיינע קינדער, איז דער מנהל געווען זיכער אז איך בין דער וואס קומט בשם דער עושר.

ווען ער האט זיך דערוואוסט די טעות איז שוין געווען צי שפעט ער זאל קענען צוריקדרייען דעם זייגער.

ענדע זענען זיי אויך אריין אבער איך האב זיך געלערנט א לימוד, אז די בעסטע זאך איז זיך צו ווענדן צו הקב"ה ווייל פון דארט קומט אייביג אן די ישועה.

## אין געציילטע שעה'ן איז עס ביי דיר

עס דערציילט הרה"ג ר' משה זילבערמאן שליט"א:
מיט עטליכע יאר צוריק האט א משפחה פון אויסלאנד אויסגעוואנדערט פון אויסלאנד און זיך באזעצט אין קרית צאנז אין די שטאט טבריה. די משפחה האט געמאכט א פיינער איינדרוק און איז געווארן אויפגענומען מיט א שטארקע ווארעמקייט ביי אלע אידן אין די געגענט.

א שטיק צייט איז אריבער און א שווערע טראגעדיע האט באטראפן די משפחה, דער פאטער פון די משפחה איז נעבעך אומגעקומען איבערלאזנדיג נאך איר אן אלמנה מיט יונגע יתומים. ווי נאר די געשעעניש האט פאסירט האבן זיך די עסקנים אויפ'ן ארט אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט ארויסצוהעלפן די משפחה, אז זי זאל קענען אנגיין און לעבן בכבוד.

מיר האבן געוואוסט אז דער טאטע האט געפלאנט צו קויפן א הויז אבער ער האט נישט עספיעט, נאך איידער ער האט געקויפט א הויז האט ער געדינגען א הויז און געצאלט רענט יעדע חודש.

ווען די עסקנים זענען געזעסן און עוסק געווען צו העלפן די פאל האט מען באטראכט וואס עס פעלט פאר די משפחה, און אלע האבן פה אחד מחליט געווען אז פאר ווי, וואס, ווען, מוז מען זען אז די משפחה זאל האבן אן אייגענער דאך העכער זייער קאפ.

די דירות אין טבריה איז אין יענער צייט געווען רעלאטיוו זייער ביליג, עס האט געקאסט זעקס הונדערט טויזנט שקל און מען האט זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט עס צו שאפן.

מען האט געארבעט זייער שווער און נאך אסאך הארוואניע איז געלונגען אויפצוטרייבן די סומע פון 400 טויזנט שקל, עס איז געבליבן צו שאפן נאך 200 טויזנט.

מיר האבן געהאט א הבטחה פון א נדבן אז אויב מיר שטעלן צוזאם די איבריגע סומע געבט ער פופציג טויזנט אבער וויאזוי שאפן מיר די איבריגע טייל? ביני לביני האבן מיר געהאנדלט מיט דער אייגענטומער פון די דירה אז מיר ווילן עס קויפן, ער איז געווען גרייט עס צו פארקויפן אבער ער האט געוואלט דאס געלט און זעענדיג אז זאכן ציען זיך האט ער אונז געשטעלט אן אולטימאטום, אדער געבן מיר דאס געלט ביז נעקסטער וואך דינסטאג, אז נישט ווארפט ער ארויס די משפחה פון די דירה.

די סטראשע איז נישט געווען סתם א סטראשע, דער איד האט עס געמיינט זייער ערנסט, און מיר זענען געווען זייער פאר'דאגה'ט פון וואו שאפט מען די איבריגע? נישט זעענדיג קיין אנדערע ברירה האט ר' חיים - איינער פון די עסקני הקופה - באשלאסן אז ער וועט זיך מוז'ן אויפהייבן און ארויספארן קיין אויסלאנד און זיך איינבעטן ביי גוטע אידן אז זיי זאלן ביישטייערן דאס איבריגע סומע.

מען האט באשטעלט א טיקעט, מען האט אראנדזשירט א רייע פון אדרעסן און גענומען א ברכה פון זיין רבי און זיך געגרייט אויף די רייזע. אין יענעם טאג ווען ר' חיים האט געדארפט ארויספארן קיין אויסלאנד איז ער אויפגעשטאנען פרי און זיך געשטעלט דאווענען שחרית מיט די ערשטע מנין וואס איז דא אין די שטאט.

זיך גרייטנדיג צום דאווענען, באגעגנט ר' חיים איינער פון די קינדער פון די פרישע אלמנה, א פרישער יונגערמאן. ער זעט ווי יענער איז אזוי רואיג און ער הייבט אן אים אראפצולייגן ווי צוטראגן זיין מאמע איז, וויאזוי זי לעבט אין א שרעקעדיגע דרוק.

דער זון האט פון גארנישט געוויסט, ער האט אים געפרעגט וואס קען איך טון? איך בין דאך א פרישער יונגערמאן.

"וואס הייסט וואס? דער רבוש"ע איז דאך דער אבי היתומים ודיין האלמנות, שריי צו אים, בעט אים".

דער יונגערמאן האט אנגענומען זיינע ווערטער. ער האט זיך געשטעלט דאווענען א שחרית און די דאווענען איז געווען מיט'ן גאנצן ברען, פון טיפן הארץ האט ער מתפלל געווען אז זיין מאמע זאל האבן א ישועה.

פון די שחרית איז אריבער אפאר שעה, דער יונגערמאן האט ווייטער געפירט זיין סדר היום, ווען פלוצלונג באקומט ער א טעלעפאן קאלל פון א איד אין אויסלאנד, א גרויסער גביר, יענער וויל וויסן וויאזוי עס גייט ביי זיי אין שטוב.

"פרעג בעסער נישט". הייבט דער יונגערמאן אן צו זאגן און הייבט אן צו שילדערן די גאנצע מעשה מיט די הויז און אז דער בעל הדירה וויל

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מען האט אהיימגעשיקט מיין זון פון ישיבה, עס איז געווען א שווערע איבערלעבעניש פאר מיר, מיר האבן זיך פראבירט צו שטארקן אבער מיר זענען געווען צי שוואך. אין יענע טעג האבן מיר אנטדעקט דער האטליניע און דאס האט אונז געשטארקט, ווען נישט דאס, ווייס איך נישט צי עס וואלט אריבער אזוי גרינג. ברוך השם אז געציילטע טעג שפעטער האבן זיך זאכן געסעטלט און ער איז צוריק אין ישיבה.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

דער פארלאפענער מוצאי שבת האבן מיר זיך צוריקגעקערט פון א שבת אין צפון טייל ארץ ישראל. זייענדיג אונטערוועגנס האבן מיר זיך פארבלאנדזשעט און מיר זענען אומדירעקט אריינגעפארן אין אן אראבישער דארף. מיר האבן גלייך געוואלט ארויספארן פון איר, אבער אין יענע מינוט איז אונזער קאר געבליבן שטעקן. מיר זענען געווען פארלוירן און איינער פון אונז האט זיך דערמאנט פון די סגולה תורם צו זיין געלט פאר השגחה פרטית, מיר האבן צוגעזאגט א סומע געלט און וואונדער, די קאר האט זיך אנגעהויבן רירן, מיר זענען ארויס פון דער ארט לחיים ולשלום.

אים ארויסווארפן און אז מען וויל אפקויפן די הויז און נעמען אויף איר א מארגעדזש, נאר מיין מאמע האט עס נישט פון וואו צו באצאלן".
ווען דער נדבן האט דאס געהערט איז ער געווארן אנגעווארעמט און זיך געגעבן א רוף אן, אז ער וויל תורם זיין הונדערט טויזנט דאלער.
"איר ווילט עס אין שקלים אדער אין דאלער"?
ווען דער יונגערמאן האט דאס געהערט, האט ער גלייך אריינגעקלינגען ר' חיים און אים דערציילט איבער די ענטוויקלונג.
"דו דארפסט נישט פארן קיין אמעריקע, די געלט איז שוין דא".
ר' חיים איז געווען זייער גערירט פון די געשיכטע, ער איז געווארן זייער באגייסטערט פון דער פאקט אז הקב"ה האט אויסגעהערט זיין געשריי, און מיטגעטיילט מיט דעם יונגערמאן אז דער נדבן איז דער זעלבער ביי וועמען ער האט געדארפט איינשטיין זייענדיג אין אמעריקע.
"קוק וויאזוי עס האט זיך געפירט. ווען איך טרעף דיר נישט אינדערפרי און דער איד קלינגט דיר אן זאגסטו אז אלעס גייט געשמירט, און דער איד וואלט קיינמאל נישט געגעבן דאס געלט.
דער יונגערמאן האט פארבינדן די צוויי, און ר' חיים האט אויסגעארבעט מיט דער גביר די דעטאלן פון די טראנספער. אזוי רעדנדיג זאגט ר' חיים פאר דער איד אז ער איז זייער צופרידן אז ער דארף נישט פארן, אבער איין זאך באדערט אים, ער האט צוגעזאגט פאר זיינע קינדער אז ער גייט זיי איינקויפן ספעציעלע אמעריקאנער דאליס און יעצט וועט ער עס נישט קענען קויפן.
ר' חיים האט געמאכט א ווערטל אבער דער גביר האט עס גענומען זייער ערנסט.
"וועסט מיר אפשר נישט גלייבן אבער איך האב לעצטענס ארויסגעשיקט א שיפמענט קיין ארץ ישראל מיט די דאליס, עס איז דא דארט פון זיי גענוג און איבריג, קענסט זיך נעמען פון זיי עטליכע".
ר' חיים האט יעצט געהאט א דאפלטע סיבה צו דאנקען הקב"ה פאר די מעשי החסד, און וויאזוי די השגחה האט געפירט אז אפילו דאליס פאר זיינע קינדער זאל ער האבן.

## דו האסט געלט פאר מיר

יענער נאכט ווען ר' חיים פון די שטאט סקווער האט זיך געלייגט שלאפן האט ער אין וויסטן חלום נישט געטראכט אז ער גייט היינט האבן אזא דראמאטישע חלום.
"דו האסט געלט פאר מיר". האט ער געזען א איד אין זיין חלום.
ר' חיים האט גוט געקענט דעם איד, אבער ער האט נישט געדענקט אז ער איז אים שולדיג געלט. שפירנדיג אז דער חלום איז אן אמת'ער האט ער זיך אויפגעוועקט און א פרעג געגעבן זיין ווייב צי עס איז מעגליך אז ער איז שולדיג געלט פאר דעם איד.
זי האט גוט געדענקט און עס באשטעטיגט.
"איך געדענק נישט פון וויפיל געלט עס רעדט זיך, אבער עס רעדט זיך פון א שיינע סומע". האט זי עס באשטעטיגט.
אריינגייענדיג מער אין די דעטאלן פון די זאך האט זיך דער בילד אויסגעקלארט. עס איז געווען מיט יארן פריער ווען מיר האבן געהאט געלט שוועריגקייטן און מיר האבן געקויפט סחורה פון דעם איד אויף באָרג. ווען זאכן האבן זיך געסעטלט האבן מיר אפגעצאלט אלע חובות אבער פון דעם איד האבן מיר פארגעסן און יעצט איז ער געקומען אפנעמען זיין חוב.
צומארגענס, גלייך נאך שחרית, האב איך זיך אנגעהויבן אינטערעסירן וואו מען קען אנקומען צו די פאבריק וואס דער איד האט געהאט. נאך א שנעלע זוכונג בין איך אנגעקומען צו זיין זון. ווען איך האב אים געזאגט ווער איך בין האט ער גלייך געוואוסט ווער איך בין און נוצנדיג די זעלבע ווערטער וואס זיין טאטע האט געזאגט אז 'דו האסט געלט פאר מיר' האבן מיר אנגעהויבן סארטירן די חוב.
נאך דעם וואס ער האט געמאכט א חשבון, זענען מיר אנגעקומען צו די תוצאה, איך בין אים געווען שולדיג די סומע פון 7800 דאלער.
"דו ווייסט נישט ווי גוט דו קומסט", האט דער איד געזאגט.
איך האב זיך געוואונדערט וואס ער מיינט מיט דעם צו זאגן און ער האט מיר דערציילט אז עס איז שוין א לענגערע צייט וואס ער איז אין א שווערע מצב, אבער נעכטן האט ער דערגרייכט א קלימקאס.
בצר לו האט ער זיך אויסגעגאסן די הארץ פאר השי"ת און זיך אויסגעוויינט אויף זיין מצב, אין הימל האט מען געהערט זיין געבעט און אים אונטערגעשיקט דעם איד, אז ער זאל אים אפצאלן די חוב.
"איך האב זיך געפריידט אז איך קען אפצאלן אן אלטער חוב, איך האב פשוט פארגעסן פון דעם, איך וואלט נישט געוואלט בלייבן שולדיג, און פאר אים איז עס געווען פונקט אין די ריכטיגע מינוט".

עס איז מקוים געווארן ביי מיר דער 'שלח לחמך', אבער אינאיינוועגס האב איך אויך געהאט פאר מיר א לעבעדיגערביישפיל וויאזוי מען קען אויפהייבן א בחור מיט גוטע ווערטער אז איין טאג זאל ער ווערן א ראש הישיבה.

## מיין ראש הישיבה

פאר יארן לאנג האב איך געצויגן מיין חיונה פון טוריזם. אלץ אן איינוואוינער אין ארץ ישראל וואו עס קומען צופארן אסאך אויסלענדישע זענען מיינע הענט געווען פול מיט ארבעט. אלעמאל איז געווען וואס צו טון, דער האט געדארפט א דירה און איך האב געמעקלערט פאר אים, דער האט געדארפט א דרייווער און איך האב עס אים צוגעשטעלט און איך האב זיך שיין מפרנס געווען פון דעם.
אבער די גוטע צייטן האב זיך געענדיגט דעם לעצטן שמחת תורה. די ביטערע קריג האט צוגעברענגט אז די צאל פון באזוכער איז געפאלן מיט דראסטישע פראצענטן און איך האב זיך געטראפן ארבעטסלאז און מיט ליידיגע טאשן.
זוכנדיג וויאזוי צו ערפולן דעם לאך, האב איך זיך דערמאנט פון מיין אמאליגער פאך, פאר לאנגע יארן האב איך געדינט אלץ איש חינוך, אלץ מלמד און איך האב באשלאסן אז איך גיי פראבירן מיין מזל אין חינוך.
איך האב זיך פארבינדן מיט א ראש הישיבה וואס טוט אין קירוב רחוקים און אים געזאגט אז איך זוך ארבעט און איך וויל אויך אויפטון פאר אידישקייט, צי איך קען קומען ארבעטן ביי אים אין די ישיבה.
דער ראש הישיבה האט מיר איינגעלאדענט אז איך זאל קומען צו אים אין ישיבה אויף א באגעגעניש, דארטן וועלן מיר רעדן און זען צי איך טויג פאר די ארבעט.
צו די באשטימטע צייט בין איך געווען אין די ישיבה און מיר זענען אריין אין א שמועס. מיר האבן גערעדט וועגן די פארגאנגענהייט און אינמיטן האט ביי מיר אויפגעבליצט עפעס און אויך ביי אים.
"זיכער קומסטו ארבעטן ביי מיר אין די ישיבה, דו ביסט דאך דער.....".
אונזער מעשה גייט צוריק מיט 32 יאר פריער. בימים ההם בין איך געווען א יונגער מלמד, איך האב זיך קוים איינגעלידערט אין חדר ווען עס איז אריינגעקומען לערנען ביי מיר א יונגל וואס איז געקומען פון א שטוב וואס איז אין יענע טעג אריבער א שווערע קריזיס.
איינס פון זייערע קינדער איז ליידער ארויס לתרבות רעה און ער איז ארויס אויף א מיאוס'ער וועג, און די משפחה האט זיך נישט געוואוסט וואו אהין צו טון פאר צער.
ווען די מאמע פון דאס קינד האט געהערט אז איך האב א גוטער שפראך מיט קינדער האט זי מיר געבעטן אז איך זאל זיך אריינלייגן אין די קעיס. איך האב איר געזאגט אז איך האב נישט קיין עקספיריענס אין די נושא, אבער זי האט נישט מוותר געווען און איך האב עס געטון.
טראכטנדיג וואס איך גיי זאגן פאר'ן קינד, האב איך זיך דערמאנט פון די גמרא וואס דערציילט אז רבי שמעון בר יוחאי האט געהאט אן אייניקל וואס איז נישט געווען ערליך, ער האט געהייסן יוסי און ווען רבי האט דאס געהערט איז ער געגאנגען רעדן צו אים.
רבי האט געזאגט פאר יוסי אז ער גייט אים מסמיך זיין פאר א רבי, אבער יוסי האט נישט געוואלט הערן פון דעם. האט אים רבי געזאגט אז אויב ער וועט זיין א רבי וועט מען אויסשפרייטן העכער אים א גאלדענע חופה, און ער האט זיך געלאזט איבעררעדן און ענדע איז ער טאקע געווארן א רבי.
איך האב באשלאסן אז איך גיי נאכמאכן די זעלבע זאך. איך האב זיך געטראפן מיט'ן בחור און אים געזאגט אז ער גייט ווערן א ראש הישיבה. דער בחור האט געלאכט פון מיר, אבער איך האב נישט נאכגעלאזט, מיט פארבן האב איך אים אראפגעלייגט וויאזוי עס גייט אויסזען ווען ער גייט זיין א ראש הישיבה.
נאך אסאך טראפענען איז עס אים אריין אין דיביינער, ער האט עס אנגעהויבן הערן און זיך צוריקגעקערט למוטב.
פון יענע באגעגענישן איז אריבער אסאך יארן, מיר האבן זיך נישט געזען, אבער יעצט האבן מיר זיך געטראפן.
"איך בין יענער בחור".
איך האב אים דערקענט און ער האט מיר אריינגענומען אין די ישיבה.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

**פארבינדט זיך מיט אונז**
**אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742**

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דער הייליגער רבינו יונה: די תורה און די בטחון איז מגין אויף דעם מענטש

וכענין הזה מצאנו כי עם שמירת התורה והבטחון יגן השם ית' בעד החוסה בו מכל צרה, שנאמר: אמרת ה' צרופה מגן הוא לכל החוסים בו. והנה דוד ושלמה חברו זה הענין יחד להודיע כי עם שמירת אמרת השם והבטחון יגן השם לחוסה בו מכל צרה.

(רבינו יונה משלי ג',כ"ו)

### דער הייליגער גר"א: א איד זאל לייגן זיין בטחון אויף הקב"ה!

יש שני חלקי בטחון: אחד שהקב"ה מבטיח לתת לו הון רב ועושר ... וזה נקרא בטחון. וחלק השני הוא, שהקדוש ברוך הוא, אין מבטיחו, אך האדם בעצמו שם בטחונו בה', וזה נקרא "חסיון". וכמו שנאמר (דברים לב,לז) "צור חסיו בו" שהצור [-הסלע] הוא למחסה לאדם מזרם וממטר, כאשר ינוח שם בעצמו, אך הצור לא הבטיחו שיהיה לו למחסה. וזה שנאמר (תהלים קיח,ט) "טוב לחסות בה'", הוא חלק השני, כלומר, שמעצמו ישים וישליך יהבו על ה' אף שלא הבטיח לו ה', ממה שישים בטחונו באדם, אף לאחר שהבטיח לו האדם לעשות הטוב, וזהו "מבטוח באדם".

(פירוש הגר"א משלי יד,כו)

### 'חסיון' איז א קליינע מדריגה אין בטחון

כתיב (תהילים קיח ח,ט) "טוב לחסות בה' מבטח באדם טוב לחסות בה' מבטח בנדיבים".

וידוע פירוש הגר"א על הפסוק (משלי יד,כו), "טוב לחסות בה'" וכו', שמעצמו ישים וישליך יהבו על ה' אף שלא הבטיח לו ה', ממה שישים בטחונו באדם אף לאחר שהבטיח האדם לו לעשות הטוב, וזהו "מבטוח באדם", ע"כ.

וכן מביא בשומר אמונים (מבוא השער פרק ד) וז"ל, "כי ידוע כי חסיון הוא פחות ממדריגת בטחון, ועל זה אמר "טוב לחסות בה'", שהוא רק בטחון קטן, "מבטוח באדם" הגם שמבטיח לו בחוזק, ע"כ.

ומבואר מדבריהם פירוש הקרא "טוב לחסות בה' מבטח באדם, טוב לחסות בה' מבטח בנדיבים", שטוב לחסות בה אפי' רק חסיון, שהוא מדריגה קטנה מבטחון, היינו שהוא מצידו סומך עצמו ובוטח על ה', שיודע שיש לו מי שמגין עליו, "מגן ומחסה לכל החוסים בו", ואפילו שלא הבטיחו ה'. וזהו יותר טוב "מבטוח באדם", שאפי' כשהאדם מבטיח לך עם כל מיני הבטחות, והנדיב מבטיח שיתן מכספו, ומבטיח בהבטחה שיש אומרים שיש בהבטחה שהוא הבטחה מדאו', כמו שמובא בגמ' "רבי יוסי ברבי יהודה אומר מה תלמוד לומר 'הין צדק' והלא 'הין' בכלל איפה היה, אלא לומר לך שיהא הן שלך צדק ולאו שלך צדק", [וברש"י - כלומר כשאתה מדבר הן או לאו קיים דבריך והצדק אותם], מ"מ אפי' הבטחה גדולה כזו, מ"מ יותר טוב לחסות בה' אפי' בשלא הבטיח כלום.

> הה"ד זהו שכתוב בתהלים (יח): "ותתן לי מגן ישעך" מדבר בישראל שהם בוטחים בהקדוש ברוך הוא והוא מגן להם, כדכתיב (שם): מגן הוא לכל החוסים בו.
>
> (שמות רבה, מא,ד)

שהבשר ודם עם כל הבטחותיו שמבטיח, מ"מ הרי הוא רק אדם בשר ודם, ויש לו עליות וירידות, הן בעסקיו, והן במחשבותיו, ותלוי בכל הסובב אותו, ופעם מקבל את דברי המתרמים בו ופעם לא, והכל אינו תלוי אלא בזכיותיו אם זוכה לקבל את דברי המתרימים, ואז נותן מכספו, או אין לו את הזכות לקבלם. ועי"ז "טוב לחסות בה' מבטח באדם, טוב לחסות בה' מבטח בנדיבים".

(הדעה והדבור)

### ווער עס פארלאזט זיך אויף הקב"ה - האט אלעס וואס ער דארף אויף די וועלט

כל מי שבוטח בשי"ת מדת החסד המפרנסת את העולם מקיפתו מכל צד שנאמר (תהלים ל"ב, י') והבוטח בה' חסד יסובבנו. והוא הממציא לו סבות שיתפרנס בהם כי אין הסבות נבצרות ממנו יתי' כמו שידוע הענין באליהו שבאה לו פרנסתו ע"י העורבים. והנביאים חמשים במערה ע"י עובדיהו. וכן (שם לד) כתוב יראו את ה' קדושיו כי אין מחסור ליראיו כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב. ביאור הכ' כי הוא יתעלה מפרנס ונותן טרף לכל הדברים החלושים כענין העובר בבטן האשה והאפרוח בתוך הביצה שאין שם מקום מפולש שיעבור המזון לשם ומפרנס העוף באויר והדגים בים והנמלה הפחותה והחלושה שברמשים, והוא המונע הטרף מן האריה התקיף בכל החיות. וזהו שכתוב כפירים רשו ורעבו אבל דורשי ה' לא יחסרו כל טוב וכן כתוב (משלי י', ג') לא ירעיב ה' נפש צדיק.

(כד הקמח ערך בטחון)

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

זייער אסאך מענטשן דרייען זיך ארום מיט די געפיל אז זיי זענען סטאק, אז זיי קענען נישט מאכן פארשריט אין זייער לעבן. זיי וואלטן זייער געוואלט אז עס זאל זיי זיין בעסער, אז זיי זאלן זיך שטייגן, אבער זיי שפירן ווי זיי קענען עס נישט באווייזן.

וואס איז די עצה? דער אמת איז אז עס איז דא זייער א פשוט'ע עצה פאר דעם, די עצה איז געבן פאר א צווייטן - אז מען געבט פאר א צווייטן ווערט מען דערהויבן.

די ווארט 'תרומה' איז מלשון 'הרמה' ווייל דורך די תרומה הייבט מען זיך אויף.

די געדאנק איז איינס פון די יסודות הדת.

א מענטש קען פרעגן וויאזוי קען איך געבן פאר א צווייטן? איך האב דאך אליינס גארנישט, די תשובה איז אז 'געבן' מיינט נישט דווקא געלט, עס מיינט אין יעדע סארט וועג, מען קען געבן מיט א גוט ווארט, מיט לערנען מיט אנדערע, עסקנות, א גוטע עצה, א חיזוק, יעדע זאך וואס מען געבט אוועק פאר א צווייטן איז געגעבן.

דער אלטער פון נאוואהארדאק זצ"ל פלעגט אייביג זאגן אז מענטשן זענען זיך טועה, זיי מיינען זיי געבן, דער אמת איז זיי 'נעמען' ווייל ווי מער דו וועסט געבן פאר א צווייטן אלץ מער נעמסטו פאר דיר אליין.

אבער פאר מען הייבט אן צו געבן פאר אנדערע דארף מען גלייבן אז מען קען געבן.

עס איז ווי א דרייענדער רעדל, מען געבט פאר יענעם אביסל, מען באקומט צוריק התרוממות, ווען מען איז מרומם קען מען געבן נאך, און אזוי דרייט זיך די רעדל ארום און ארום ווען די התרוממות שטייגט אלץ העכער און העכער.

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
### 'געבן' פאר א צווייטן איז 'מרומם' דער מענטש

אין די פרשה פון משפטים איז דא אסאך מצוות. מען רעדט דא פון טון חסד מיט אנדערע אידן אבער די פרשה הייבט זיך אן מיט די סוגיא פון קנעכט. עס שרייט אויס "עבדי הם ולא עבדים לעבדים".

א איד איז נישט א קנעכט. ער ווערט נישט פארשקלאפט פאר אנדערע. אז מען געדענקט אז מען איז שייך צו הקב"ה און דו ביסט נישט אליין אויף די וועלט האסטו דער כח צו געבן, ווייל דו געבסט דאך נישט פון דיינס. ווען מען געדענקט די נקודה שפירט מען זיך נישט אזוי געפאלן ביי זיך און ווען מען איז שטארק ביי זיך קען מען געבן פאר אנדערע אידן.

א קריטישער שטאפל אין זיך דערהייבן איז אויפצוהייבן די בליק, די שאיפה פון לעבן, מען דארף קוקן העכער און דערהויבענער אויף זיך און אויף די וועלט. אז ביידע זענען העכער, געבט זיך עס גרינגער.

נאך א קריטישע עצה זיך צו קענען דערהייבן איז זיך צו הייבן, און הייבן הייבט מען זיך דורך וואס מען גלייבט אין זיך, אין די מעלות, אין די פעהאיגקייט וואס מען האט.

מען דארף אפשרייבן אויף א צעטיל די מעלות וואס מען האט, כאטש הונדערט מעלות, א טייל פון זיי מוז מען גלייבן, אין אנדערע נישט, מען מעג זיך אביסל בלאפן, אבער עס העלפט, עס איז א וואונדערליכע רפואה.

ווען א איד איז זוכה און ער הייבט זיך אויף, ער קריכט ארויס פון די שפלות, קען ער אסאך גרינגער דינען הקב"ה און ווערן נענטער צו שלימות און צום ציל, פארוואס ער איז דא אויף די וועלט.


קלינג אריין
שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
לעבן א בעסערע און
א געשמאקערע לעבן
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

זיי דן אויך פון די
גליקליכע - מאך
דעם טעלעפאן
קאלל
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
בא'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

פון ארץ ישראל
+972-30-11-300,
פון ארה"ב
140-130-86-151,
פון אנגליה
489-3900-330-0,
פון בלגיה
28-844-380-0,
פון ארגנטינה
31-840-398,
פון דרום אפריקה
521-18-8755,
פון אוקראינה
380-947-100-633